# תצוה

א. אין פסוק „ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך גו׳ לכהנו לי״ [1], שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ואתה הקרב אליך״ און איז מפרש: „לאחר שתגמור מלאכת המשכן״.

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) פון וואַנעט נעמט עס רש״י אַז דער ציווי למשה צו מאַכן אהרן ובניו פאַר כהנים מיינט, אַז ער זאָל דאָס טאָן (ניט גלייך, נאָר) „לאחר שתגמור מלאכת המשכן״?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער: דעם ציווי „ועשית בגדי קדש גו׳״ פון קומענדיקן פסוק, און אַזוי אויך דעם ציווי „ואתה תדבר אל כל חכמי לב גו׳״ וואָס שטייט מיט אַ פסוק ווייטער, האָט דאָך משה געדאַרפט טאָן פריער (וואָרום דאָס איז דאָך אַ חלק פון מלאכת המשכן). היינט פאַרוואָס זאָל מען לערנען אַז דער ציווי „ואתה הקרב אליך״ איז אַנדערש פון די אַנדערע ציוויים; אַז זיין קיום זאָל זיין שפּעטער, ערשט „לאחר שתגמור מלאכת המשכן״ [2]?

ב) מיט זיין פירוש „לאחר שתגמור כו׳״, איז דאָך רש״י נאָר מפרש ווען עס זאָל זיין דער „הקרב״. פאַרוואָס איז ער מעתיק (פאַרן פירוש) נוסף אויף דעם וואָרט „הקרב״ אויך די ווערטער „ואתה״ [3] און „אליך״? איז משמע דערפון אַז רש״י׳ס הוכחה צו מפרש זיין „לאחר שתגמור מלאכת המשכן״ איז טאַקע פון די ווערטער — „ואתה הקרב אליך״.

ב. מפרשים זאָגן [4], אַז רש״י מוז לערנען אַז דער קיום הציווי „ואתה הקרב אליך״ קומט „לאחר שתגמור כו׳״ — ווייל די הקרבה פון אהרן ובניו „לכהנו לי״ איז געוועזן דורך די בגדי כהונה (ווי עס שטייט מיט צוויי פסוקים ווייטער [5] „ועשו את בגדי אהרן לקדשו לכהנו לי״); ווי אויך דורך דעם חינוך אין די ימי המילואים (ווי עס שטייט ווייטער אין דער סדרה [6] — „וזה הדבר אשר תעשה גו׳ לקדש אותם לכהן לי״) — און דאָס איז דאָך געוועזן ערשט לאחר גמר מלאכת המשכן [7].

---

1) פרשתנו כח, א.

2) בגו״א כאן, שהחידוש שברש״י הוא „שאין ואתה דבוק אל הפרשה שלפנ״ז״ (וכנראה שמפרש שציווי זה (ואתה תצוה) הוא על עשיית המשכן, שהיא חלק ממלאכת המשכן). אבל ראה רש״י אמור (כד, ב) שהמשמעות ד„ואתה תצוה״ הוא „סופך לצוות כו׳״ (ושהציווי הוא על העלאת הנרות — שלאחרי גמר מלאכת המשכן).

ואף שהתלמיד לא למד עדיין פרש״י שבפ׳ אמור — הרי כותב שם רש״י „וכן משמע״, היינו שיכולים לדעת זאת גם בלי פירושו (ומה שאומרו שם, היינו רק בכדי לתרץ קושיא. עיי״ש).

3) ולפי פירוש הגו״א (שבהערה הקודמת) י״ל, שזה שרש״י מעתיק תיבת „ואתה״ הוא בכדי להשמיענו, שהגם שמתיבת „ואתה״ (בוא״ו המוסיף) משמע שדבוק להפרשה שלפני׳, בכ״ז הפירוש הוא „לאחר שתגמור כו׳״.

4) רא״ם כאן. וראה גם גו״א כאן.

5) כח, ג.

6) כט, א.

7) ומה שרש״י אינו מעתיק התיבות „לכהנו לי״, ואינו מרמז אפילו ב„וגו׳״ — אף שדרכו של רש״י בכ״מ הוא להעתיק (או לרמוז עכ״פ ב„וגו׳״) גם התיבות שמהן היא ההוכחה לפירושו — י״ל (לפי פי׳ זה)

ס'איז אָבער שווער אַזוי צו זאָגן. ווייל [נוסף לזה וואָס דאָס פּאַרענטפּערט ניט די קשיא: פאַרוואָס איז רש"י מעתיק אויך דעם וואָרט „אליך"[8]] לויט רש"י'ס שיטה, איז דער „לכהנו לי" פון אונזער פסוק און דער „לכהנו לי" ביי עשיית בגדי כהונה (און אַזוי אויך דער „לכהן לי" פון פרשת המילואים), זיינען צוויי באַזונדערע ענינים, וכדלקמן.

ג. אויף די ווערטער „לקדשו לכהנו לי" וואָס שטייען ביי „ועשו את בגדי אהרן"[5], איז רש"י מפרש: „לקדשו להכניסו בכהונה ע"י הבגדים שיהא כהן לי ולשון כהונה שירות הוא. שנטריאה בלעז".

זאָגן מפרשים[9], אַז רש"י איז דאָ מפרש צוויי ענינים: א) אַז „לקדשו" און „לכהנו לי" זיינען ניט קיין צוויי ענינים, נאָר „לכהנו לי" איז דער אָפּטייטש פון „לקדשו"[10]. ב) אַז „לכהנו לי" מיינט ניט צו מאַכן אים פאַר אַ כהן (שם התואר) — וואָרום „לשון כהונה שירות הוא", און דערויף לייגט זיך ניט דער אויסשפּראַך „צו מאַכן אים פאַר אַ משרת" — נאָר דער פירוש איז „להכניסו בכהונה", אַריינברענגען עם אין (דער פעולה פון) כהונה (שירות).

און די מפרשים זיינען מבאר אַז דעם פירוש פון „לכהנו לי" זאָגט רש"י ערשט אין פסוק „ואתה תדבר גו'" — כאָטש דער זעלבער לשון שטייט שוין פריער אין פסוק „ואתה הקרב אליך" — ווייל דער עיקר וואָס רש"י וויל דאָ זאָגן איז ניט דעם פירוש פון „לכהנו לי", נאָר אַז דאָס איז איין ענין מיט „לקדשו": אַז אין וואָס באַשטייט דער „לקדשו" — אין „להכניסו בכהונה"; און זאָגנדיק דעם לשון „להכניסו בכהונה" (וואָס דאָס איז דער טייטש פון „לכהנו לי"), איז רש"י מוסיף „ולשון כהונה שירות הוא", וואָס דערמיט באַווייזט ער אַז „לכהנו לי" מיינט ניט מאַכן אים פאַר אַ כהן, נאָר „להכניסו בכהונה", כנ"ל.

ס'איז אָבער ניט מובן:

א) דערפון גופא וואָס רש"י דאַרף מוסיף זיין „ולשון כהונה שירות הוא", בכדי צו באַווייזן אַז „לכהנו לי" מיינט „להכניסו בכהונה", איז דאָך מוכח, אַז ער נעמט עס אָן פאַר אַ חידוש[11] — האָט ער במילא געדאַרפט זאָגן דעם פירוש „להכניסו בכהונה" מיט דער הוכחה „ולשון כהונה שירות הוא" ביי די ווערטער „לכהנו לי" וואָס שטייען פריער — בכדי דער תלמיד זאָל ניט

---

שכוונתו ב„ואתה הקרב אליך" שמעתיק לפני פירושו הוא (לא לתיבות אלו, אלא) לכללות הענין. ועי"ד פרש"י לקמן (כח, ו) ועשו את האפוד — דכוונתו לכללות הענין (דעשיית האפוד ואפילו — דהחושן!), ובכ"מ.

8) בנוגע ל„ואתה" — י"ל כבהערה הקודמת (או כנ"ל הערה 3).

9) רא"ם שם. וראה גם ש"ח.

10) ועפ"ז מובן מה שרש"י כותב בפירושו „לקדשו" — אף שלכאורה אינו מחדש בזה מאומה (שהרי זהו לשון הכתוב) — כי תיבת „לקדשו" (שבפירושו) נמשכת ל„להכניסו בכהונה", וכוונתו בזה היא לבאר ש„לקדשו" הוא ע"י שיכניסו לכהונה, כבפנים.

11) ובפרט שמתיבת „לי" הדבוקה ל„לכהנו", משמע שפירוש „לכהנו" הוא לעשותו לכהן, שלכן הוזקק רש"י להוסיף „שיהא כהן לי", כברא"ם שם. וכן משמע ממ"ש „לכהנו" (בוא"ו) — ראה לקמן הערה 17.

האבן קיין טעות[12] אין דעם פירוש פון די ווערטער ווען ער לערנט זיי צום ערשטן מאל?

ב) אמת טאקע אז „לשון כהונה שירות הוא" — איז דאך אבער דער ווארט „כהן" אומעטום א שם התואר אויפן מענטשן[13]. היינט פארוואס זאל מען ניט לערנען[14] אז „לכהנו (לי)" מיינט — צו מאכן אים[15] פאר א כהן[16]?

איז דערפון מוכח, אז די ווערטער „לכהנו לי" כשלעצמם, קען מען טאקע אויך טייטשן צו מאכן אים פאר א כהן[17]. און דערפאר איז רש"י ניט מפרש „לכהנו לי" אין פסוק „ואתה הקרב אליך", ווארום דארט איז דער פירוש פון די ווערטער כפשוטם. און דאס וואס ווייטער דארף רש"י יע מפרש זיין אז „לכהנו לי" מיינט „ל־הכניסו בכהונה כו' שירות הוא כו'", איז עס מצד דעם ווייל דאס שטייט צוזאמען מיט „לקדשו", כדלקמן.

---

12) והרי הדברים ק"ו: אם גם לאחר שמפרשו צריך הוכחה ע"ז, הרי מכ"ש ש־כאשר אינו מפרש כלל, הרי בודאי יטעה התלמיד.

13) ראה ויגש מז — כב, כו. יתרו יט — כב, כד. (וצע"ק בקרא לך (יד, יח) ובת"א שם — דכהן שם קאי על שם — רש"י וישב לח, כד). וראה לקמן הערה 19.

14) ובפרט שכן משמע (לפי הרא"ם) גם מתיבת „לי" (ומ„לכהנו" בוא"ו), כנ"ל הערה 11.

15) וכמו „יהי' כהן" (רש"י שמות ד, יד).

16) וגם: מה מחדש רש"י במ"ש „ע"י הבגדים", והרי מפורש בכתוב ש„לקדשו לכהנו לי" הוא ע"י „ועשו בגדי קדש"?

17) כפשטות הלשון „לכהנו" (בוא"ו), ולא „לכהן". וראה חזקוני (כח, א), שהוא"ו ד„לכהנו" הוא וא"ו יתירא.

ד. אין „לקדשו לכהנו לי" וואס שטייט ביי „ועשו את בגדי אהרן" איז רש"י'ן שווער:

אויך אין פסוק „ואתה הקרב אליך גו' לכהנו לי" איז שוין משה נצטווה געווארן צו מאכן אהרן ובניו פאר כהנים — און דארט פארבינדט ניט דער פסוק דעם „לכהנו לי" מיט עשיית בגדי כהונה. ד.ה. אז אויך אן די בגדים האט משה (געקענט און) געמאכט זיי פאר כהנים. היינט וואס איז דער פירוש פון „ועשו את בגדי אהרן גו' לכהנו לי", אז בכדי צו מאכן אהרן'ען פאר א כהן האט מען געמוזט האבן די בגדים?

בדוחק האט מען געקענט פארענט־פערן, אז אויך „ואתה הקרב גו' לכהנו לי" פון אונזער פסוק מיינט אז דאס זאל זיין דורך די בגדים. נאר צום ערשטן זאגט דער פסוק דעם עצם הענין (אז ער זאל מאכן אהרן ובניו פאר כהנים), און דערנאך, ווען ער רעדט וועגן דעם ציווי אויף עשיית בגדי כהונה, איז ער מפרש ווי אזוי דער ענין ווערט אויפגעטאן, אז דער „לכהנו לי" ווערט דורך די בגדים.

רש"י וויל אבער אזוי ניט לערנען [נוסף לזה וואס דאס איז א „דוחק"], ווייל אויב שפעטער איז דער פסוק מפרש בלויז ווי אזוי עס ווערט אויפ־געטאן דער „לכהנו לי", אבער דער „לכהנו לי" גופא איז דא דער זעלבער ווי אין פריערדיקן פסוק, האט דאן דער פסוק דא געדארפט שרייבן דעם זעלבן לשון ווי פריער. פארוואס־זשע שטייט ביים ציווי ואתה הקרב בלויז „לכהנו לי" און ביי בגדי כהונה שטייט „לקדשו לכהנו לי"?

איז דערפון געדרונגען, אַז דורך די בגדים טוט זיך אויף אַ נייע, אַ גרעסערע זאַך ווי דורך „הקרב גו׳ לכהנו לי״. דעריבער איז רש״י מפרש „לקדשו להכניסו בכהונה ע״י הבגדים כו׳ ״, אַז דורך די בגדים[18] טוט זיך אויף — „לקדשו להכניסו בכהונה״, כדלקמן.

ה. כאמור לעיל (ס״ג), איז דער וואָרט „כהן״ (ניט קיין שם ע״ש הפעולה[19] וואָס זאָל מיינען: דער וואָס איז משרת, נאָר) אַ שם התואר וואָס באַצייכנט אַ געוויסן סוג מענטשן וואָס האָבן אין זיך אַ געוויסע מעלה צוליב וועלכע זיי זיינען שייך צו כהונה, שירות (ער איז אַ משרת): לאחרי ווי אהרן ובניו זיינען נמשח געוואָרן ל־כהונה, ווערן זיי און זייערע קינדער עד סוף כל הדורות גערופן מיטן נאָמען „כהנים״, און פאַר דעם — האָט מען די בכורים גערופן „כהנים״.

און כשם ווי דער נאָמען „כהנים״ פאַר זרעו של אהרן איז ניט קיין שם הפעולה, נאָר אַ שם התואר והמעלה [וואָס דערפאַר ווערן אַלע בני אהרן גערופן „כהנים״, אויך די וואָס זיינען ניט נתחנך געוואָרן[20] לעבודה[21], און אפילו אַזעלכע וואָס זיינען פסול צו עבודה[22]], אַזוי איז אויך דער פריערדיקער נאָמען „כהנים״ פאַר בכורים געווען אַ שם התואר והמעלה[23].

און דאָס איז דער חילוק פון „לכהנו לי״ וואָס שטייט ביי „ואתה הקרב אליך״ צו „לקדשו לכהנו לי״ וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך „בגדי אהרן״: צום ערשטן איז משה נצטווה געוואָרן צו אויסטיילן אהרן ובניו פון אַלע אַנ־

---

18) ועפ״ז מובן מה שרש״י מוסיף „ע״י הבגדים״.

19) ומ״ש רש״י לעיל (ויגש מז, כב) „כל לשון כהן משרת לאלקות הוא״, בהכרח לומר, שהשם משרת כאן הוא שם התואר דהאדם* (האדם הוא מסוג משרת) ועד שגם הקטנים, שמצד מצבם בהוה אינם ראויים לשרת [מכיון שלאחר שיגדלו יהיו ראויים לשירות] נקראים (הם גם עכשיו) „כהנים״ (רש״י ר״פ אמור).

ויתירה מזו מצינו, שגם נשים נקראו „כהנות״ [ברכות מד, א. משנה סוף יבמות. ועוד — אלא שי״ל ש„לשון תורה לעצמה כו׳ ״ (ע״ז נח, ב. חולין קלז, ב)], אף שלעולם לא יהיו ראויות לשרת — כי לאחר שנבחרו אהרן ובניו לשרת כו׳, נעשה השם „כהן״ תואר לכל זרע אהרן (גם בנות אהרן).

---

*) ועפ״ז יומתק ההמשך בפרש״י „חוץ מאותן שהם לשון גדולה כו׳ ״ — דהחילוק הוא רק בזה שהוא ל׳ גדולה (ולא שירות), אבל לא דשם התואר ושם הפעולה.

20) ראה רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ה הט״ז (ממנחות נא, ב): אין הכהן עובד תחלה . . עד שיביא עשירית האיפה כו׳. וראה גם רש״י צו ו, יג.

21) ובמכ״ש מקטנים (ראה לעיל הערה 19) אף שאינם שייכים לשרת, משא״כ גדולים, שגם טרם שנתחנכו יכולים הם (להתחנך —) להביא עשירית האיפה וכו׳.

ונוסף לזה (בדרך ההלכה): כהן שעבד טרם שהביא עשירית האיפה עבודתו כשרה (רמב״ם שם), משא״כ טרם שהביא ב׳ שערות (רמב״ם שם הט״ו).

22) ראה פרש״י ר״פ אמור, שרק חללים מתמעטין מ„הכהנים״, אבל בעלי מומין, אף שבאם הי׳ נאמר רק „הכהנים״ לא היו במשמע, מ״מ לאחר שנאמר גם „בני אהרן״ אינם מתמעטין מ„הכהנים״. וראה לקמן הערה הב׳ (בשוה״ג) להערה 28 (ואפילו בנוגע לחללים, כתב הרמב״ם הל׳ ביאת מקדש פ״ו ה״י, שעבודתו כשרה לשעבר. ואכ״מ).

23) ומ״ש רש״י יתרו (יט, כב) „שהעבודה בהם״, י״ל שזוהי רק הוכחה למה שהם כהנים בעצם, כנ״ל הערה 19.

גם י״ל, שכוונת רש״י שם היא לפרש החידוש שב„וגם הכהנים גו׳ יתקדשו״ — דלכאורה: מהיכי תיתי לומר שהבכורות (הכהנים) יהיו מותרים לעלות — וע״ז מפרש: „שהעבודה בהם״, דמכיון שהם

דערע אידן[24] און מאַכן זיי פאַר (אַ סוג פון) כהנים; און דערנאָך איז ער אָנגעזאָגט געוואָרן „לקדשו לכהנו לי", אַז (לאחרי ווי זיי וועלן שוין זיין „כהנים"[25]), זאָל ער זיי (דורך די בגדים[19]) הייליקן און אַריינברענגען אין כהונה[26], אין „שירות", ד. ה. אַריינפירן זיי אין דער עבודה פון כהונה.

ו. ע"פ הנ"ל, אַז דער פירוש פון „לכהנו לי" אין פסוק „ואתה הקרב אליך" איז צו מאַכן אהרן ובניו פאַר כהנים — ניט ווי „לקדשו לכהנו לי" ביי די בגדים [ועד"ז „לקדש אותם לכהן לי" וואָס שטייט ביי די מילואים] וואָס מיינט אַריינפירן זיי אין דער עבודה פון כהונה, איז פאַרשטאַנדיק, אַז מצד דעם „הקרב גו' לכהנו לי" אַליין, האָט מען געקענט לערנען אַז משה איז נצטווה געוואָרן צו מאַכן זיי גלייך פאַר כהנים; און רש"י'ס הכרח צו לערנען „לאחר שתגמור מלאכת המשכן" איז פונעם לשון „ואתה הקרב אליך", און ווי דער דיוק לעיל ס"א.

איז דער ביאור אין דעם:

פאַרוואָס שטייט ביים ציווי צו משה'ן (ער זאָל מאַכן אהרן ובניו פאַר כהנים) „ואתה הקרב אליך"[27], אַז משה

---

עובדים את עבודת המקום*, הי' מקום לחשוב שמותרים כו'. ועפ"ז יובן מה שרש"י מעתיק גם תיבת „וגם", וכן בפירושו — „ואף".

24) כלשון הכתוב „מתוך בני ישראל". ועפ"מ"ש בפנים, יומתק מה שבפסוק ג' (וכן לקמן כט, א) לא נאמר „מתוך בנ"י" — כי ההבדלה מבנ"י היתה כבר לפנ"ז.

25) ע"פ מ"ש בפנים, יומתק לשון רש"י (כט, לה) „לא נתמלאו ידיהם להיות כהנים ועבודתם פסולה" — דלכאורה: זה שעבודתם פסולה, תוצאה ומסובב הוא מזה שאינם כהנים, ומכיון שכבר כתב „לא נתמלאו כו' כהנים" הרי במילא שמעינן שעבודתם פסולה, ול"ל לרש"י להוסיף זאת בפירוש — אלא בזה מבאר שכוונתו ב„לא נתמלאו כו' להיות כהנים" הוא לענין השירות, מה שעבודתם פסולה. ומ"ש „להיות כהנים" — ראה הערה הבאה.

26) וי"ל, שגם ענין הכהונה „לשון שירות" [שנעשתה ע"י הבגדים (וע"י החינוך למילואים)], היא [לא רק ענין של פעולה (בדוגמת מעלת „הנגשים אל ה' להקריב קרבנות" על „הבכורות שהעבודה בהם" — ראה לעיל הערה 23 בשוה"ג) אלא שעי"ז ניתוספה ג"כ מעלה בהאדם] דרגא בהאדם — „לקדשו"; גם כהונה זו היא (לאחרי שנכנס לכהונה) שם התואר לזרעו של אהרן לאחר החינוך בימי המילואים (ע"ד המבואר לעיל הערה 19 בנוגע לכהונה בכלל), וקודם שנתחנכו אינם נקראים „כהנים" בנוגע לענין זה. וראה לקמן הערה הב' (בשוה"ג) להערה 28.

ועפ"ז יומתק לשון „לכהנו" (בוא"ו) — שמשמעותו הוא (כנ"ל הערה 17) שהאדם יהי' כהן, אף שלשון כהונה (כאן) ענינה שירות — כי גם זה נעשה דרגא וענין באדם. וכלשון רש"י „שיהא כהן לי". וכן לקמן כט, לה „להיות כהנים".

ולהכניסו בכהונה (ולא לעשותו כהן) — כי החידוש בלקדשו לכהנו לי הו"ע השירות, אלא שעי"ז בא במילא גם שם תואר לאדם (משא"כ לכהנו לי שבפסוק הקודם, שכל ענינה הוא תואר בהאדם — ראה לעיל הערה 19).

27) דלכאורה „אליך" — מיותר. יתרה מזו — בסתירה להמשך „לכהנו לי".

---

*) ואף שלכאורה הכתוב עצמו מבאר זה „הנגשים אל ה'" — י"ל, שהוקשה לי' לרש"י: הרי גם מתיבת „הכהנים" עצמה מובן שהם משרתים ונגשים לה', ומאי קמ"ל בההוספה „הנגשים אל ה'"? ולכן מפרש שהכתוב מחדש ב' ענינים (ובסדר דלא זו אף זו): וגם הכהנים (שם התואר, הם) הבכורות (שמעלתם היא רק זה) „שהעבודה בהם" (גם שאינם עובדים **בפועל**. ואח"כ מוסיף חידוש גדול יותר) הנגשים אל ה' להקריב קרבנות (גם אלו הנגשים להקריב בפועל) אף הם לא יסמכו כו'.

**זאל זיי דערנעענטערן צו זיך — איז עס ווייל משה איז שוין דאן געווען א כהן [28]. און דערפאר האט עם דער אויבערשטער געזאגט „ואתה הקרב אליך את אהרן ואת בניו גו' לכהנו לי", אז ער זאל דערנעענטערן אהרן ובניו צו זיך, אז אויך זיי זאלן זיין כהנים [29].**

28) ראה רש"י פרשתנו כט, כד: „ומשה כהן". ולא מסתבר לומר (ע"ד הפשט) שנעשה כהן רק למשך ימי המילואים (היינו שנענש ולא ניתנה לו כהונה — רש"י שמות ד, יד — ואח"כ ניתנה לו למשך ימי המילואים ואח"כ שוב נלקחה ממנו!) — ומסתבר שלאחר ימי המילואים פסקה ממנו כהונה. ובלאה"כ משמע כן — שהרי נטילת כהונה ממשה קשורה ב„הוא (אהרן) יהי' כהן" — רש"י שם, וזה התחיל בסוף ימי המילואים. או י"ל דס"ל כהמ"ד (זבחים קב, א) שלא פסקה כהונה אלא מזרעו של משה. ומ"ש רש"י (שמות שם) „ואתה לוי", כוונתו בנוגע לסיומו שם „בניו יקראו על שבט הלוי" *. ומ"ש רש"י (אמור כא, כב) „שהותרו לזר שאכל משה בשר המילואים" — כבר עמדו על זה מפרשי רש"י שם, עיי"ש **.

וראה לקו"ש חל"ב ע' 28 ואילך.

29) ראה עד"ז ראב"ע כאן.

*) ראה בארוכה לקו"ש חכ"ו ע' 2 (הערה 16), בביאור פרש"י (שמות א, כא) „בתי כהונה ולוי" — ששניהם (כהונה ולוי') קאי על משה (שהרי אהרן נולד **לפני** ש„ותחיין את הילדים"). וכוונתו ב„כהונה ולוי" הוא — למשה ולבניו, או לשני זמנים שהיו במשה עצמו, וממה שמקדים כהונה ללוי' מוכח שהי' כהן גם **לפני** ימי המילואים.

**) ואולי י"ל, שכהונת משה, מכיון ששימש **בחלוק לבן**, לא הי' בה הענין ד„לקדשו לכהנו לי" ולכן נחשב לזר לגבי כהונה **זו** (ראה לעיל הערה 22). ועפ"ז יומתק הקס"ד שבעל מום מותר באכילת קדה"ק (אף שפשוט שזר **שאינו מזרע אהרן** אסור בהם), כי גם בע"מ, אף שהוא פסול לעבודה (שירות), יש בו **התואר** דכהונה, ולא לקדשו לכהנו לי לשון **שירות**.

**ס'איז אבער נאך ניט מובן:**

**א) אויך ווען עס זאל ניט שטיין „ואתה הקרב אליך", נאר בלויז „לכ־הנו לי", וואלט לכאורה געווען קלאר דער פירוש פון ציווי. צוליב וואס איז דער פסוק מדגיש „ואתה הקרב אליך"?**

**ב) די קשיא איז נאך שטארקער: די מעלה המיוחדת פון משה'ן איז דאך באשטאנען** (ניט אין דעם ענין הכהונה, נאר) **אין אנדערע ענינים, צו וועלכע כהנים האבן לכאורה קיין שייכות ניט. [און ווי געלערנט פרי־ער אין פרשת יתרו [30], אז בלויז משה האט געקענט עולה זיין בהר, אבער „הכהנים גו' יתקדשו גו'"]. איז פאר־וואס זאל אויף „לכהנו לי" געזאגט ווערן „ואתה הקרב אליך", וואס ווייזט אז דורך זייער ווערן כהנים וועלן זיי ווערן נאענט צו מדריגת** משה?

**דערויף איז רש"י מפרש „לאחר שתגמור מלאכת המשכן":**

**ווען אהרן ובניו וואלטן געווארן כהנים פארן גמר מלאכת המשכן, אפי־לו אויב זיי וואלטן מקריב געווען קרבנות** (ווי די בכורים וואס האבן געטאן די עבודה, כאטש ביי זיי איז ניט געווען קיין בגדי כהונה), **וואלט טאקע דערויף ניט געקענט געזאגט ווערן „ואתה הקרב אליך", ווארום אויך די „כהנים הנגשים אל ה' — להקריב קרבנות" [31] זיינען געווען א „מחיצה לעצמם" און האבן ניט גע־טארט צוגיין** (ניט נאר צום ארט וואו משה איז געשטאנען, נאר) **אפילו צום**

30) יט — כב, כד.

31) ראה רש"י שם, כב. וראה לעיל הערה 23 בשוה"ג.

ארט וואו אהרן איז געשטאַנען [32]. אָבער „לאחר שתגמור מלאכת המשכן", וואָס די כהנים וועלכע טוען די עבו־דה גייען דאָך אַריין אין משכן, אין דעם אָרט וואו משה פלעגט אַריינגיין הערן דעם דיבור השם [33]; איז הגם אַז צום ווערן ראוי צו טאָן די עבודה בפועל האָט מען געמוזט אָנקומען צו די בגדי כהונה (כנ"ל ס"ה), וויבאַלד אָבער אַז אויך דער „לכהנו לי" פאַר דעם איז דאָך ענינו ומעלתו [34] צו טאָן די עבודה אין משכן (מער ניט וואָס ס'האָט געפעלט דער ענין בפועל — ובדוגמת כהנים איצטער, אָדער — איידער זיי זיינען נתחנך געוואָרן ל־עבודה), ווערט דערפאַר געזאָגט אויף דעם „ואתה הקרב אליך".

ז. ע"פ הנ"ל, אַז אויך דער „לכ־הנו לי" — וואָס מיינט דער עצם ענין הכהונה — איז געוואָרן ערשט „לאחר שתגמור מלאכת המשכן", וועט ווערן פאַרענטפערט אַ קשיא בדין:

דער דין איז, אַז אַ כהן ששימש לע"ז טאָר ניט משמש זיין אין מק־דש [35]. ווערט דאָ די שאלה: אהרן האָט דאָך געבויט אַ מזבח פאַר דעם עגל [36] [וואָס שיטת רש"י [37] איז, אַז ביים בויען אַ מזבח פאַר דעם אוי־בערשטן דאַרף זיין „תחלת עשייתו לשמי", און לויט דעם קומט אויס, אַז דאָס בויען אַ מזבח איז אַן ענין פון „שימש" [38]]. איז אמת טאַקע, אַז אהרן'ס כוונה ביי „ויבן מזבח" איז געווען בכדי „לדחותם" [39], אָבער בפועל האָט ער דאָך געבויט דעם מזבח „לפניו", פאַר דעם עגל — היינט ווי האָט ער דערנאָך געמעגט טאָן די עבודה אין משכן [40]?

אָבער לפי הנ"ל, אַז אהרן ובניו זיינען געוואָרן כהנים ערשט לאחרי גמר מלאכת המשכן, ווערט עס פאַר־ענטפערט בפשטות: דער דין פון כהן ששימש לע"ז כו' איז דוקא אויב אין דער צייט ששימש איז ער געווען אַ כהן, און וויבאַלד אַז בעת'ן בויען דעם „מזבח לפניו" איז נאָך אהרן קיין כהן ניט געווען, איז ער ניט געווען אין כלל פון „כהן ששימש כו'".

ח. פון די ענינים פון „יינה של תורה" וואָס אין דעם פרש"י:

כשם ווי משה רבינו, כאָטש ער איז געווען דער רועה פון אַלע אידן פון זיין דור, און אויך פון אַלע שפּעטער־דיקע דורות [41], איז ער פונדעסטוועגן נצטווה געוואָרן „ואתה הקרב אליך

---

32) רש"י שם, כד.

33) תרומה כה, כב. רש"י שם.

34) ראה לעיל הערה 19.

35) מנחות קט, א. וכ"ה גם בדרך ה־פשט, שהרי דין זה יליף שם מקראי. וראה רש"י מ"ב כג, ט.

36) תשא לב, ה.

37) יתרו כ, כא.

38) בדוגמת שחיטה, דאף שבשירה בזר, מ"מ לדעת רב ששת (מנחות שם) גם כש־שחט לע"ז אין קרבנו ריח ניחוח. ואפילו לדעת ר"נ שם, הרי כתב הרמב"ם (הל' ביאת מקדש פ"ט הי"ג) שגם השוחט לע"ז ואפילו בשוגג — לכתחלה לא יעבוד.

39) רש"י תשא שם.

40) ואף שהדין דלא ישמש כו' הוא מדברי קבלה, שנתחדש לאחר זמן — הרי פשוט שח"ו לומר על אהרן הכהן שהי' בו ענין כזה שלאחר זמן יהי' כהן נפסל על ידו. ולהעיר ממחז"ל ש„מלבישן לעת"ל" (יומא ה, ב) וראה ג"כ סנה' (צ, ב). ועוד.

41) ראה זח"ג רעג, א. וראה גם תניא פמ"ד: אפס קצהו . . מאיר לכללות יש־ראל בכל דור ודור כו'.

את אהרן גו׳ מתוך בני ישראל לכהנו לי״ — „מתוך בני ישראל״ גופא האט ער (ע״פ ציווי ה׳) דערנענטערט צו זיך אהרן ובניו, אז זיי זאלן טאן (שפעטער, נאכן נתחנך ווערן בכהונה) די עבודה אין משכן פאר אלע [42] אידן.

עד״ז איז אויך ביי „אתפשטותי׳ דמשה שבכל דרא ודרא״ [43], די נשיאי ישראל [44] פון יעדן דור, ביז צו כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, אז הגם ענינו של נשיא איז צו משפיע זיין פאר אלע אידן [45], ובלשון רש״י [46] „הנשיא הוא הכל״ [וואס דערפאר ווערן זיי אנגערופן „ראשי אלפי ישראל״, בדוגמת א ראש, וואס ער איז משפיע חיות צו אלע אברים, ביז אפילו צו צפרנים [47]],

איז אבער פאראן די הנהגה פון „ואתה הקרב אליך גו׳ מתוך בני ישראל״, אז צו די וואס גייען „בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו כו׳ ״ [48] האט דער רבי זיך אפגעגעבן ביחוד [49], ער האט זיי מקרב געווען און דערהויבן ביז „אליך״, געגעבן זיי זיינע כחות און זיי אריינגענומען אין דעם „חיל ה׳ ״ [50], בכדי זיי זאלן מפיץ זיין תורתו וכו׳ צו אלע אידן (ווי די כהנים, וואס דורך „הקרב אליך״, האבן זיי באקומען דעם כח פון משה׳ן צו טאן די עבודה פאר כל ישראל).

און וויבאלד אז אלע ענינים זיינען בהשגחה פרטית, ובמיוחד ווען עס האנדלט זיך וועגן בני ישראל, און די השגחה פרטית האט אויסדערוויילט אט די אידן צו ווערן דעם רבי׳נס תלמידים וכו׳, מיט וועלכע ער דארף זיך אפגעבן ביחוד ע״פ תורה [51], קומט דאך במילא אויס, אז דער „ואתה הקרב אליך״ איז ע״פ ציווי ה׳ (ב־דוגמת „ואתה הקרב״ ביי משה רבינו).

ט. זיינען אבער פאראן אזעלכע וואס טענה׳ן, אז זיי האלטן נאך פאר דער עבודה פון „בגדי כהונה״ און „חינוך למילואים״ — ובפרט אז „ידע אינש בנפשי׳ ״, און ס׳קען זיין אז ער איז דורכגעפאלן אין כו״כ ענינים און האט זיך ניט געפירט ווי עס פאסט פאר א תלמיד פון א נשיא ישראל — היינט ווי קען ער האבן א שייכות וקירוב צו משה שבדורו, בעת ער איז ר״ל „מחולל מן הכהונה״?

אויף דעם זאגט רש״י, אז אפילו א כהן וואס בפועל קען ער איצטער ניט טאן די עבודה [צי ווייל אים פעלט דער חינוך לכהונה, אדער ווייל ער איז א „בעל מום״ צי א „חלל״],

---

42) ראה רש״י במדבר ג, יב: שיהיו ישראל שוכרין אותן כו׳.

43) זהר שם. תקו״ז תס״ט. ועוד.

44) ראה תקו״ז שם: בכל צדיק וחכם. וראה גם ב״ר פנ״ו, ז. — ומ״מ ישנו ה„אתפשטותא כו׳ ״ גם בכאו״א מישראל (ראה בהנסמן בהערה 41), וכמ״ש בתקו״ז שם — „עד שתין רבוא״ (היינו כללות הדור — ראה שם ובזהר שם). וי״ל שעי״ ה„צדיק וחכם״ נמשך אח״כ בכל ישראל.

45) ראה בארוכה לקו״ש ח״ד ע׳ 1050 ואילך ע׳ 1315.

46) חקת כא, כא. — להעיר מרמב״ם הל׳ מלכים (פ״ג ה״ו): לבו (דמלך) הוא לב כל קהל ישראל — ראה לקו״ש ח״ח ע׳ 133 הערה 59. וראה לקו״ש חי״ט ע׳ 165 ואילך. חל״ג ע׳ 135 ואילך.

47) ראה תניא פ״ב.

48) אגה״ק סכ״ז.

49) ראה לקו״ד ח״ב רצא, א. וראה גם אגה״ק סו״ס זך וביאורו.

50) לשון הרמב״ם סוף הל׳ שמיטה ויובל. וראה שם: ולא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו׳. וראה שיחת שמח״ת תרס״א (נדפסה בסה״ש תש״ב ע׳ 141 ואילך) ע״ד היוצא למלחמת בית דוד. עיי״ש.

51) ראה לקו״ד שם.

איז ער סיי ווי א כהן, און משה גיט אים זיינע כחות, וואָרום אויך לגבי אים שטייט „ואתה הקרב אליך".

— ווערן אויס „כהן" קען ער ניט; דאָס איז לגמרי ניט תלוי אין זיין בחירה. זיין בחירה באַשטייט נאָר אין דעם, צי ער זאָל ממלא זיין תפקידו, אָדער ח"ו ניט. אָבער זיין תפקיד ליגט אויף עם!

ובמילא האָט ער דעם זכות און די אחריות צו [מתקן זיין זיינע „מומים", אַראָפּנעמען דעם „חילול", אָנטאָן די „בגדי כהונה" וכו', און] טאָן די עבודה — ביז צו טאָן די עבודה פאַר אַלע אידן, דורך ברענגען צו זיי דעם אור פון תומ"צ צוזאַמען מיטן מאור שב־תורה, און מאַכן אויך זיי פאַר „כהנים".

י. דער יצה"ר איז דאָך אָבער אַ „קלוגינקער"[52], טוט ער זיך אָן אין אַן איצטלא פון „ענוה" און הויבט אָן איינ'טענה'ן: דו זאָגסט דאָך אַליין אַז דו האָסט נאָך געַנוג אַרבעט מיט זיך אַליין — סיי אין „סור מרע", אויס־היילן די מומים און באַפרייען זיך פון חילול; און סיי אין „ועשה טוב", אָנ־טאָן די בגדי כהונה און נתחנך ווערן לכהונה — איז אויב „סמוך לפלטין שלך לא כבשת"[53], היינט ווי קענסטו טראַכטן וועגן אַ צווייטן אידן? ווי וועסטו — וויסנדיק ווער דו ביסט — קענען פועל זיין אויף עם?!

דערויף זאָגט רש"י „לאחר שתגמור מלאכת המשכן": משה רבינו האָט שוין פאַרענדיקט די מלאכת המשכן פאַר יעדער אידן און אויפגעטאָן דעם „ושכנתי בתוכם, בתוך כאו"א מיש־ראל"[54]; וואָס מען מאָנט פון דיר איז אויפצוטאָן אין דעם צווייטן אידן ניט אַ נייעם ענין, נאָר מגלה זיין דעם „משכן" וואָס איז שוין פאַרטיק בתוכו (און אויך דאָס, דעם גילוי ה־משכן, דאַרפסטו טאָן ניט מיט דיינע כחות נאָר בכחו של משה, כנ"ל ס"ח).

און דעריבער איז אַ דבר ברור, אַז אויב נאָר דו וועסט זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די פיתויי היצר און טאָן דיין תפקיד, וועסטו זיכער מצליח זיין, אין דיין אַרבעט, ביז צום מגלה זיין דעם משכן דאקרי מקדש[55] וואָס ביי יעדער אידן.

וואָס דאָס וועט ממהר זיין און מקרב זיין דעם גילוי פון דעם מקדש (הכללי) כפשוטו (דער בית המקדש השלישי), וואָס אויך דער מקדש איז שוין פאַרטיק און ער דאַרף בלויז אַראָפּקומען און נתגלה ווערן למטה[56], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחת ש"פ תצוה תשכ"ז)

52) ראה היום יום ע' סד.

53) תוד"ה כיבוש יחיד — ע"ז כא, א. מספרי ס"פ עקב. וראה גם סנה' יח, א וש"נ (בנוגע להלכה): קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים.

54) נסמן בלקו"ש ח"ג ע' 906.

55) עירובין ב, א.

56) רש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. רש"י ר"ה ל, סע"א. זח"א כח, א. ועוד. וראה גם תנחומא נח, יא. ועוד.

# תצוה ב

א. בסיום הסדרה — וואו עס רעדט זיך וועגן דעם מזבח הפנימי, און דער פסוק זאָגט „קודש קדשים הוא לה׳״ — שטעלט זיך רש״י אויף „קודש קדשים הוא״ [1] און איז מפרש: „המזבח מקודש לדברים הללו בלבד ולא לעבודה אחרת״.

בפשטות לערנט מען די רש״י, אַז רש״י וויל דאָ באַוואָרענען: דער מזבח הזהב איז דאָך געשטאַנען אין היכל [2] און ניט אין קדשי קדשים, און ממילא איז אויך זיין קדושה ניט געווען די קדושה פון קדשי קדשים — איז ווי זאָגט מען אויפן מזבח „קדש קדשים״ [3]?

דערפאַר לערנט רש״י „המזבח מקודש לדברים הללו״, אַז קדש קדשים מיינט ניט אַז דער מזבח האָט די קדושה פון קדש קדשים, נאָר דער פירוש איז: „קודש״, אַז די קדושה פון מזבח איז — פאַר די „קדשים״ וואָס ווערן אויסגעצערעכנט פריער אין פרשה.

היות ווי עס שטעלט זיך אָבער דעריוף די שאלה: וואָס איז דער חידוש אין דעם; דאָס איז דאָך מובן מעצמו אַז דער מזבח איז מקודש צו ברענגען אויף אים די קרבנות וועלכע מ׳דאַרף אויף אים מקריב זיין? דעריבער איז רש״י מוסיף „בלבד, ולא לעבודה אחרת״, אַז מיט „קודש קדשים״ מיינט ניט דער פסוק צו זאָגן דעם חיוב וואָס אין דעם, נאָר די שלילה, אַז ער איז מקודש נאָר פאַר די קדשים, און ניט פאַר אַן אַנדער עבודה.

ואעפ״י אַז אויך אין דעם איז קיין חידוש ניטאָ; אויך דאָס געפינט מען שוין פריער [4] — און בפירוש: „לא תעלו עליו קטרת זרה וגו׳״ — פונדעסטוועגן חזר׳ט עס איבער דער פסוק נאָכאַמאָל, בכדי צו מוסיף זיין נאָך אַן עשה אויף דעם וואָס וועט מקריב זיך אויפן מזבח הפנימי אַנדערע קרבנות, אַז ער זאָל עובר זיין ניט בלויז אויפן לאו „לא תעלו גו׳״, נאָר אויך אויף נאָך אַ ציווי (אויף דער עשה „קדש קדשים״, לאו הבא מכלל עשה [5] עשה).

ב. לויט דעם פירוש איז אָבער ניט מובן:

א) פון דעם לשון הפסוק „קדש קדשים הוא לה׳״ איז משמע, אַז אויך דער וואָרט „קדשים״ באַציט זיך צום מזבח אַליין (אַז דער מזבח איז קדש קדשים צום אויבערשטן), אָבער לויט רש״י׳ס פירוש „קדש — קדשים״, אַז דער מזבח איז מקודש צו „קדשים״, איז דאָך ניט גלאַטיק דער סיום הכתוב „לה׳״?

ב) וויבאַלד אַז מיט זיין פירוש „המזבח מקודש כו׳״ איז רש״י מפרש די ווערטער „קדש קדשים״, אַז דער

---

1) כ״ה בדפוס ראשון. וכן הובא גם ברא״ם.

2) פרשתנו ל, ו.

3) והרי פשטות הל׳ מכריחה ההפרש בין הקדושה שב„קדש״ להקדושה שב„קדש הקדשים״. ונאמר והבדילה הפרוכת לכם בין הקודש ובין קדש הקדשים (תרומה כו, לג). ועד כדי כך שאפילו כהן גדול אסור להכנס בו כ״א ביוהכ״פ ובתנאים מיוחדים (ר״פ אחרי ובפרש״י. וראה גם פרש״י לעיל כט, ל).

4) פרשתנו ל, ט.

5) ראה פירש״י שמיני יא, ג.